# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

85/84

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישראל

תל־אָבֿיבֿ

1974

ק. צעטניק / תל־אָבֿיב

# ווונד און פערל

(דערציילונג)

ווען זי איז אַרויס פֿון שטוב אין גאַס, אײַלנדיק זיך צו אים, איז נאָך דער טאָג געהאַנגען אויף לעצטע רויטע זונשטראַלן ווי אויף אַנגעגליטע גאָפּלציין. אין איר מוח איז אַלץ שוין געווען קלאָר, ווי פֿון גורל פֿאַרויסגעזען, גלײַך זי האָט דאָס פֿון פֿריִער געפּילט.

פֿאַר אירע אויגן האָט דער אַנגעצונדענער מערבֿ־הימל זיך געביטן מיט דער רויט־קייט פֿון די טולפּאַנען וואָס ער האָט איר פּלוצעם געשיקט, אַ טאָג נאָך זײַן באַזוך בײַ איר. זי האָט כמעט ניט געזען די גאַסן אויף וועלכע זי האָט זיך געאײַלט. בלויז דרײַ רויטע טולפּאַנען, וואָס האָבן אַן אויפֿהער צו איר געקלינגלט ווערטער פֿון אַ קורצן בריוו, וואָס ער האָט צו זיי באַהאַפֿטן: „פֿאַר דײַן טובֿה וועגן, בעסער מיר זאָלן זיך מער ניט באַגעגענען״.

איצט איז אַלץ געווען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך, אַז דווקא דאָס בריוול טרײַבט זי צו זײַן קעלערשטיבל, אַ שטייגער זי וואָלט לכתּחילה געווען צוגעגרייט צו אַזאַ קאַמף; ניט מיט אים, נאָר קעגן מיסטעריעזע כּוחות וואָס האַלטן אים אַ געפֿאַנגענעם אין זײַן קעלער־שטיבל. זי האָט זיך געאײַלט צו אים ווי מען לויפֿט אַרויסנעמען אַ קינד וואָס איז פֿאַר־כאַפּט געוואָרן פֿון פֿלאַמען, אין אַ ברענענדיק הויז. דורך טיר און פֿענצטער וועט זי אַרײַנדרינגען כּדי אים אַרויסצוטראָגן אויף אירע אָרעמס. זי פֿילט אין זיך די כּוחות דערצו. אין איר געדאַנק איז איצט ניט געווען קיין אָרט פֿאַר דער סכּנה פֿון פֿײַער וואָס לויערט דאָרט אויף איר לעבן.

נעכטן, בעת זײַן ערשטן באַזוך בײַ איר אין דער היים, איז ער געווען מחוץ דעם תּחום פֿון די געהיימע גײַסטער; דערפֿאַר האָט זי מצליח געווען אים איבערצוריידן. צווישן די ווענט פֿון איר שטוב איז זייער באַגערונג געוואָרן פֿאַרחתמעט. נאָר ווי באַלד ער איז צוריק אַוועק אין זײַן וועלט, איז דער קרײַז אַרום אים ווידער פֿאַרמאַכט געוואָרן; דער אייבערפֿלאַך — פֿאַרשלאָסן, ווי דער וואַסער־שפּיגל איבערן קאָפּ פֿון אַ פֿאַרזונ־קענעם.

דאָס ערשטע מאָל האָבן איצט אירע פֿיס זי געפֿירט טרעפּ אַראָפּ צו זײַן פֿאַרבאָר־גענער באַהעלטעניש. זי האָט געפֿילט אַז זי נידערט אַראָפּ צו דעם שורש פֿון איר נשמה. ווי אַ ווונד אין דער טונקעלער פֿאַרבאָרגנקייט פֿון אַ ים־מושל, וואָס ווערט פֿאַרוואַנדלט אין אַ פערל — אַזוי איז ער איצט פֿאַר איר געווען אין זײַן קעלער־מושל; און אַזוי נידערט זי אַראָפּ, כּדי אים אַרויפֿצוברענגען צו דער ליכטיקער שײַן, סײַ ווי אַ ווונד, סײַ ווי אַ פערל.

ער איז געזעסן אַריבערגעבויגן איבערן טישל אין אַ ווינקל פֿון קעלערשטיבל. אַזוי האָט זי אים געפֿונען ווען זי איז אַרײַנגעקומען. דאָס ליכט פֿון לעמפּל איז געפֿאַלן בלויז אויף די בייגעלעך פּאַפּיר פֿאַר זײַנע אויגן. ניט געווען דאָ קיין פּלאַץ פֿאַר אַ צווייטער שטול. זי איז געזעסן אויפֿן אײַזערנעם פֿעלדבעטל. איינער אַנטקעגן איבער דעם אַנדערן זענען זיי געזעסן. אויגן האָבן אַרײַנגעקוקט אין אויגן.

איצט איז מער ניט געווען קיין שפּראַך וואָס זאָל קענען אויסדריקן דאָס וואָס זיי האָבן געוואָלט זאָגן איינער דעם אַנדערן. אין אירע געציילטע ווערטער בעת זײַן נעכטיקן באַזוך בײַ איר אין דער היים: „נעם מיך פֿאַר אַ פֿרוי...״ — האָט זי געזאָגט אַלץ. אַקוראַט ווי ער, אינעם קורצן בריוול זײַנעם: „פֿאַר דײַן טובֿה וועגן, בעסער מיר זאָלן זיך מער ניט באַגעגענען...״ — האָט שוין געזאָגט אַלץ. איצט האָבן בלויז די אויגן גערעדט. אין די בליקן פֿון זייערע אויגן איז פֿאָרגעקומען דער גראַנגל צווישן זייערע צוויי סתּירותדיקע וועלטן.

איינער אַנטקעגן איבער דעם אַנדערן זענען זיי געזעסן. בשעת איר אַרײַנקומען האָט דער דרויסנדיקער טאָג נאָך געוואָרפֿן אַשיקע שטריכן צווישן די שפּאַלטן פֿון אַראָפּגעלאָזענע פֿענצטער־לאָדנס. איצט שוואַרצט דאָרט די נאַכט. דאָס גרעלע ליכט וואָס שלאָגט צוריק פֿון די ווײַסע בייגעלעך פּאַפּיר אויפֿן טיש, באַלײַכט בלויז די דערנעבנדיקע וואַנטנישע, וואָס דינט אים ווי אַ קליידערשאַנק. פֿון הינטער דעם האַלב פֿאַררוקטן פּירהאַנג קוקט אַרויס אַ געשטרייפּטער אוישוויץ־בגד; די געשטרייפּטע אוישוויץ־הויזן הענגען אַראָפּ פֿון הינטער דער געשטרייפּטער יאַקע; אַ געשטרייפּט אוישוויץ־מיצל — אויפֿן נאָגל איבער דער יאַקע. עס דאַכט זיך, אַז אַ געהאַנגענער אוישוויצער העפֿטלינג, אָן אַ קאָפּ, אָן פּיאַטעס, קוקט אַרויס פֿון הינטער דעם האַלב אָפֿענעם פּירהאַנג. דער אַבאַזשור פֿון טישלעמפּל וואַרפֿט אַ ליכטקרײַז. זי געפֿינט זיך אין דעם קרײַז.

זי פֿילט די לופֿט אין וועלכער זי געפֿינט זיך; די לופֿט שטראָמט אין איר אַרײַן. זי שפּירט די וועלט וואָס אַרום איר. גײַסטער אָן גופֿים, אָן פּנימער, פֿילן אויס דעם חלל. נשמות פֿון אַן אַנדער וועלט, אַ צאָרנדיקער, קוקן צו איר מיט פֿײַנדלעכע בליקן: ווי אַזוי האָט זי זיך דערוועגט? דאָ איז זייער תּחום; ווער איז זי, אַ געקומענע פֿון דער דרויסנדיקער וועלט, וואָס האָט זיך דערוועגט אַרײַנצורײַסן צווישן זיי? אַן אייביקע פֿײַנדשאַפֿט וועט הערשן צווישן די צוויי וועלטן. ניטאָ קיין שפּראַך צווישן זיי.

ניטאָ אין איר מויל קיין שפּראַך. זי געפֿינט ניט דאָס אויסלייזנדיקע וואָרט וואָס זאָל אַרויף אויף אירע ליפּן; אַ וואָרט וואָס זאָל קענען אויסדריקן דאָס וואָס זי וויל איצט זאָגן. אַלץ איז שוין באַוווּסט, שוידערלעך באַוווּסט, פֿון אָנהייב ביזן אָפּגרונט פֿון דער ציטערניש; און אין דער זעלביקער צײַט אַזוי שוידערלעך אומבאַוווּסט. קיין שום וואָרט וועט איצט דאָס ניט קענען אויסדריקן. דאָס וואָס קען געזאָגט ווערן דורך ווערטער — איז שוין ביידן באַוווּסט און פֿון ביידע געזאָגט געוואָרן. איצט האָבן בלויז אירע אויגן זיך באַהאַפֿטן צו זײַנע אויגן און צו אים גערעדט:

— זע, געליבטער, דײַן בריוול ליגט אין מײַן האַנטטאַש. דאָס קאָנסטו זיך מסתּמא משער זײַן, אָבער בשום אופֿן האָסטו זיך ניט געקאָנט משער זײַן אַז איך וועל איצט אַרײַנקומען צו דיר; איך האָב איצט געטאָן אַ זאַך וואָס איך וואָלט זיך קיין מאָל ניט דערוועגט צו טאָן. ס'איז מײַן ערשטער באַזוך בײַ דיר, און איך בין געקומען אַן אומגעבעטענע. דײַנע ווערטער: „בעסער מיר זאָלן זיך מער ניט באַגעגענען...״ האָבן מיך געבראַכט צו דיר, כּדי זיי צו מאַכן אָנווערטיק; כּדי זיי אויסצומעקן, ווי זיי וואָלטן

קיין מאָל ניט געווען. זיי עקסיסטירן מער ניט. אָט זיץ איך אַנטקעגן דיר, מײַנע אויגן קוקן ווידער אין דעם בלוי פֿון דײַנע אויגן.

ער איז געזעסן אַנטקעגן איבער. זײַנע אויגן אינעם געפֿינקל פֿון אירע אויגן. ווער איז זי? צי איז דאָס מעגלעך? דאָ, אין דער אָ פֿאַרשלאָסנקייט פֿון זײַן קעלער־שטיבל, אויפֿן ראַנד פֿון זײַן בעטל, צי זיצט דאָס לעבן פֿאַר אים ווידער אַזוי אימהדיק אַנט־פלעקט און פֿאַרהוילן? וואָס געפֿינט זיך אין דעם בעכער וואָס אַן אומגעזעענע האַנט דער־לאַנגט איצט צו זײַנע ליפּן? איז דאָס אַ סם־מישונג פֿון דער טויטנוועלט, אָדער גנאָד און פֿאַרגיטיקונג פֿון אַ צוזאָגנדיקער וועלט וואָס קוקט צו אים אַפֿיר פֿון אירע אויגן? ווו איז דאָס הפֿקר־לאַנד צווישן די צוויי וועלטגרענעצן, וואָס דאָרט וועט ער זײַן אַן אייביק פֿאַרמישפּטער צו זוכן אַ תּיקון פֿאַר זײַן טאָפּלקייט? פֿאַר זײַנע אויגן שפּיגלט דאָס לעבן זײַן פֿרילינגפּראַכט אינעם סוד פֿון אַ מיידל־גוף; דאָס לעבן פֿון אַ וועלט וווּאַהין ער געהערט ניט. זײַן וועלט הענגט אַנטקעגן איר ווי אַן אַשפּלאַנעט, געשאַפֿן פֿון די פֿונקען אַרויסגעשפּריצטע פֿון אוישוויצער קוימען; אַ פּלאַנעט וואָס די השפּעה פֿון זײַן אַשרעגן אויף דער נשמה איז אימהדיקער פֿון ראַדיאַקטיוון רעגן אויפֿן גוף. וואָס וועט געשען מיט דעם בלי‍ִענדיקן לײַב וואָס געפֿינט זיך איצט אַנטקעגן איבער, בעתן אומפֿאַרמײַדלעכן צוזאַמענשטויס צווישן די צוויי וועלטן? וואָס וועט געשען מיט דער נשמה פֿון אָט דעם מיידל־גוף? ווו איז דאָס וואָרט וואָס זאָל איר דאָס קענען געבן צו פֿאַרשטיין? ער האָט געקוקט אויף איר. זײַנע אויגן האָבן גערעדט צו איר:

— זע ווו דו געפֿינסט זיך. דו געהערסט ניט אַהער. גיי צוריק צו דײַן וועלט און קער ניט אום דײַן בליק צו מיר, כּדי דו זאָלסט ניט געניזוקט ווערן. דאָ אָטעמען די לונגען לופֿט פֿון ציקלאָנגאַז; דאָ ווײנט די ליבע אין די נעכט דורך העלדזער פֿון קרעמאַטאָריע־קוימענס; דאָ בלאָזט דער ווינט אָן אויפֿהער אַש פֿון פֿאַרברענטע פֿרויענפּיס, אַזעלכע ווי דײַנע, הויכע, שיינע פּיס; אַש פֿון אַ קערפּער ווי דײַן בלי‍ִענדי־קער יונגמיידלשער קערפּער; אַש פֿון אַ פּנים ווי דײַן פּנים און אַש פֿון ליפּן ווי דײַנע ליפּן. בלויז דער בליק פֿון אויגן, ווי צוויי פֿינקל־שטערן אין די ווינקלען פֿון דײַנע אויגן, שוועבט דאָ אַרום אַ ניט־פֿאַרברענטער. צי וועלן דײַנע לונגען קענען אָטעמען אין אַזאַ לופֿט?

— יאָ, געליבטער — האָבן אירע אויגן עקשנותדיק אויסגעהאַלטן דעם בליק פֿון זײַנע אויגן — איך ווייס אַנטקעגן וואָס איך גיי, איך זע ווו איך געפֿין זיך. ניט אין צוויי באַזונדערע וועלטן זענען מיר. ס'איז איין וועלט. אַ וועלט וואָס דאַרף געבן אי אַ דין־וחשבון, אי אַ תּיקון דײַן אוישוויץ־וועלט. דײַן נדר און שבֿועה צו זײַן אַ קול פֿאַר דעם שטומען אַש פֿון אוישוויץ איז אויך בײַ מיר געהייליקט. איך וועל ניט זײַן קיין שטערונג אין דײַן וועג. מיט אַלע מײַנע כּוחות וועל איך דיר העלפֿן מקיים צו זײַן דעם נדר. דאָס איז אַ טייל פֿון מײַן חובֿ אויף אונדזער בשותּפֿותדיקער וועלט. ווײַל ניט מחמת דײַן שולד ביסטו געווען אין אוישוויץ, און ניט מחמת מײַן אומשולד בין איך דאָרט ניט געווען. ווי זאָל איך געפֿינען דאָס וואָרט וואָס זאָל דיך איבערצײַגן אַז איך בין אַ סך שטאַרקער ווי דו קענסט זיך משער זײַן? זע, אויף מײַנע אויסגעשטרעקטע אָרעמס צאַפּלט צו דיר מײַן ליבע — —

אַ דערשטוינטע האָט זי דערזען ווי אירע הענט צי‍ִען זיך צו אים. זי האָט זיי גיך צוריקגעכאַפּט.

די באַוועגונג פֿון אירע גיך צוריקגעצויגענע פֿאַרשעמטע הענט האָט אים אויפֿ־

געהויבן פֿון זײַן אָרט. סך־הכּל אַ שפּאַן אָדער צוויי צווישן זיי. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט לעבן איר. זײַן נאָענטקייט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט ניט געקאָנט באַהאַלטן אַן אַראָפּגעבליק פֿון אירע אויגן די ציטערדיקע דערוואַרטונג. ס׳איז פֿאַרשוווּנדן דאָס קעלערשטיבל און דאָס קרײַזנדיקע לעמפּלליכט אויף די בייגעלעך פּאַפּיר. איצט איז בלויז געווען דאָס בלוי אין זײַנע אויגן. די צײַט האָט אָפּגעשטעלט איר גאַנג. ווי ער וואָלט מיט איר אַרויס פֿון לעמפּלקרײַז און אַוועק מיט איר צום חסד־ברעג פֿון דער צוגעזאָגטער פֿאַרגיטיקונג.

ער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און דערזען איבער איר קאָפּ, פֿון הינטערן פּירהאַנג, אַרויסקוקן זײַן אוישוויץ־בגד. זײַן בגד. ער גופֿא. אוישוויץ איבער דעם מיידלקאָפּ. ער האָט אויפֿגעציטערט. תּמיד וועט שטיין אוישוויץ צוקאָפּנס. זי האָט געזען זײַנע אויפֿגעריסענע אויגן. אַן אימה איז זי באַפֿאַלן. זי האָט מורא געהאַט אויסצודרייען דאָס פּנים. זי האָט געפֿילט אַז דאָס קעלערשטיבל הינטער איר רוקן איז אָנגעפֿילט מיט אוישוויץ־סקעלעטן, זיי זענען הינטער איר רוקן, זייערע צאָרנדיקע אויגן צו איר, די אומגעבעטענע, די פֿרעמדע. ווי אַזוי האָט זי זיך דערוועגט אַריבערצוטרעטן די שוועל פֿון זייער וועלט?

די שטול אויף וועלכער ער איז פֿריִער געזעסן איז ליידיק. די ליידיקייט באַשולדיקט זי. די בייגעלעך פּאַפּיר אויפֿן טיש שרײַען נאָך אַ תּיקון פֿון שטום־אויפֿגעריסענע סקעלעטן־מײַלער. די טונקלקייט מחוץ דעם לעמפּלקרײַז האָט אָפּגעמעקט די ווענט פֿון קעלערשטיבל, אָפּגעווישט די גרענעצן.

זײַן פּנים איז פֿאַרגראָבן צווישן די הענט אין אַ גערעאַנגל מיט דער סטיכיע פֿון ניט־געזעענע כּוחות און מיט זיך גופֿא. שטאַרק מיך, גאָט! — האָט זי געבעטן. ס׳איז די צײַט פֿון גרויסן נסיון. אין דער הײַנטיקער נאַכט וועט עמעצער מוזן מנצח זײַן. איצט איז די רגע.

זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אויפֿגעריסענע אויגן אַנטקעגן דער אימה. זי האָט געזען הענגען דעם האַלב־גוף אין אוישוויץ־בגד. זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט. אַוועק צו דער נישע. זי האָט אויפֿגערוקט דעם פּירהאַנג. אויפֿן אָרט פֿון האַרץ, אויפֿן בגד, איז מיט איילפֿאַרב געמאָלט אַ שורה ציפֿערן: דער אוישוויץ־נומער. דער זעלביקער וואָס אין פֿלייש פֿון זײַן לינקן אָרעם. אירע אויגן האָבן אין זיך אײַנגעזאַפּט די ציפֿערן. דער בגד האָט זי מער ניט געשראָקן. דער ווייַ פֿון בגד איז איר געוואָרן נאָענט, ווי דער ווייַ פֿון גוף וואָס דער בגד האָט אײַנגעהילט. זי האָט אײַנגעגראָבן איר קאָפּ אין דעם געוואַנט. אַלע יסורים וואָס ער האָט געליטן אין דעם אוישוויץ־בגד זענען איצט געוואָרן אַ חלק פֿון איר. זי האָט זיי געפֿילט אין איר נשמה. זי האָט מער ניט געפֿילט די אימה, ווײַל זי איז געוואָרן אַ טייל פֿון דער אימה. די סקעלעטן האָבן זי ניט געשראָקן. זי איז מער ניט געווען פֿאַר זיי אַ פֿרעמדע, אַ דרויסנדיקע. זיי זענען געווען ער — איר געליבטער. זיי זענען געווען איר חלק און נחלה.

זי האָט ניט געפֿילט דעם דפֿק פֿון צײַט און ניט געזען ווי די נאַכט פֿאַרשלינגט די שעהען. בלויז זײַן נאָענטקייט האָט זי געפֿילט.

ער איז געזעסן אויף זײַן אָרט לעבן טיש. זײַנע הענט אויף די בייגעלעך פּאַפּיר. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. די זעלבע אויגן וואָס האָבן פֿריִער געאַשיקט ווי זײַן פּנים, האָבן איצט געקוקט לײַטזעליק. אַ געלײַטערטע באַוווּנדערונג האָט געלויכטן אין

זײַנע בליקן. צווישן די לאָדנשפּאַלטן האָבן בלויע שטריכן געצייכנט דעם אויפֿגייענדיקן מאָרגן.

אַצינד זענען די ווענט געווען בלוי געקאַלכט. ריין און ציכטיק. בלויז אין ווינקל, אונטערן ליכטקרײַז פֿון טישלעמפּל, האָט געוואַרט די נאַכט און אַלץ וואָס זי האָט אײַנגעהילט, כּדי אַרײַנצושטראָמען אין שורות אויפֿן פּאַפּיר. שטיל שווײַגנדיק און הכנעהדיק האָט די נאַכט געוואַרט.

— געליבטער — האָבן אירע אויגן געזאָגט — איך געפֿין ניט דאָס וואָרט וואָס זאָל ניט פֿאַרשוועכן דעם פֿאָרכטיקן סוד וואָס איך טראָג מיט מיר אַרויס פֿון דער הײַנטיקער נאַכט. זאָל דער סוד אַ פֿאַרחתמטער מיט שווײַגן בלײַבן צווישן אונדז. זע, געליבטער, אויך דעם נסיון פֿון דײַן שווײַגן בין איך בײַגעשטאַנען. גיב מיר אַ סימן אַז אויך דו ביסט דעם נסיון פֿון אונדזער ליבע בײַגעשטאַנען.

זי האָט אַרויסגעצויגן פֿון האַנטטאַש זײַן בריוול און עס אַוועקגעלייגט אויפֿן טיש, פֿאַר זײַנע אויגן. צוויי שורות זענען דאָרט געווען געשריבן. ער האָט אויף זיי געקוקט, געלייענט, געלייענט. פּאַמעלעך האָבן זײַנע פֿינגער צעריסן דאָס בריוול אויף קליינע פּיצלעך. ער האָט זיי אַראָפּגעשאַרט פֿון די בייגעלעך פּאַפּיר.

פֿײַכטע האָבן זייערע בליקן זיך באַגעגנט. ניט אַרויסריידנדיק אַ וואָרט, איז זי אַוועק צו דער טיר. במשך אַ רגע האָט זי געפֿילט אַז ערגעץ ווו, אין טיפֿע פֿאַרבאָרגענע הייל אין זיך, נעמט זי מיט פֿון דאַנען די פֿאַרגאַנגענע נאַכט. זי האָט זיך אויסגעגלײַכט. ניט געזוימט זיך אַ מינוט לענגער, געעפֿנט די טיר און איז אַרויס צום אויפֿגייענדיקן טאָג.